STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03793

SOTSYALISTISHE IMPRESYES

Yehiel Yeshaia Trunk

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. טרונק

סאָציאליסטישע אימפּרעסיעס

וואַרשע, 1939

Printed in Poland

I. I. TRUNK
Impresje socjalistyczne
Warszawa 1939
Druk. „Grafia", Warszawa

קאָרעקטור — מ. פּערלערע

I

היינט־צו־טאָג איז שווער צו נעמען זיך מוט און זאָגן אַ טרייסט־וואָרט. זענען נישט אַלע טרייסטן אויסזיכטסלאָזע פראַזן? זענען נישט אַלע האָפענונגען ביטערער לועג־לרש? דאָס רויקע קול, וואָס דערמאָנט דיין נאָמען – אַ, צוקונפט! – קלינגט־אָפּ ווי דאָס קול פון דער נאַכטיגאַל אין מבול.

צי הייסט נישט טרייסטן — איראָניזירן?

גלויבן. אויסהאַלטן. איבערוואַרטן. ווייטער גיין. ווו־אַהין זאָלן מיר גיין? וואָס זאָלן מיר טון?

דער מענטשלעכער גייסט גייט־אַוועק מיט פייער און רויך. די מיקלאָמפּערשט שיינע וועלט ווייזט זיך אַרויס אַלס טאָל פון יאָמער און רשעות. אויף אַלע וועגן פלאַקערן די בריקן פון איבערגאַנג. לצים לאַכן. קלאָג־וויבער וויינען. אַלע וועגן זענען פול מיט די, וואָס אַנטרינען און אַנטלויפן פון אונז. ביי די גלויביקסטע עסט דער וואָרעם פון צווייפל, ביי די שטאַרקסטע פאַלן־אַראָפּ די הענט פון אָנמעכטיקייט. צי זענען די הימלען איבער אונזערע קעפּ שוין אויך אייביק פינצטער־געוואָרן, און מיר לעבן אין לעצטן טאָג פון דער וועלט?

צי האָט זיך אונזער מחנה, די סאָציאַליסטישע מחנה, אָפּגעשטעלט ?

שטיל איז דאָס וואַגיקע טרייסט־וואָרט. אין דער נאַכט פון דער וועלט הויבן זיך מוטיק אויף הענט:

— מיר טראָגן די צעפלאַטערטע פאָן פון סאָציאַליזם. אין פינצטערן שטורעם־ווינט טראָגן מיר די פאָן פון מענטש־לעכער פרייהייט, דער ווייטער פאַקל פון ליכט. פאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך, שטרויכלט זיך נישט, גייט אונז נאָך.

II

פֿאַר אַ סאָציאַליסט איז בכלל איצטער שווער צו טרייסטן און צו מונטערן. טויזנטער מאָל שווערער איז עס פֿאַר אַ יידישן סאָציאַליסט, פֿאַר אַ בונדיסט. די יידישע סאָציאַליסטן זענען די זעלבער, וואָס דאָס היסטאָרישע שיקזאַל האָט אוועקגעשטעלט אויפֿן טראַגישסטן אָפּשניט פֿון דער מענטשהייט, אויפֿן אָפּשניט פֿון די יידישע מאַסן. מאַסן באַשפּיגענע, געפּייניקטע און דערנידעריקטע, אויסגעשטעלטע אויפֿן הפקר. דער „בונד“ שטייט אַלס סאָציאַליסטישער אוואַנגאַרד פֿאַר די דאָזיקע יידישע מאַסן. די פּאָזיציע, אויף וועלכע עס שטייט דער יידישער סאָציאַליזם, איז די טרויעריקסטע פּאָזיציע, צווישן געיאָגטע און געטריבענע, צווישן מענטשן, וואָס עס דוכט זיך, אַז פֿאַר זיי האָבן זיך ספּעציעל אויפֿגעעפֿנט אַלע אָפּגרונטן פֿון דער וועלט. וואָהין רופֿן מיר עקשנותדיק די יידישע מאַסן? צום סאָציאַליזם? קוקט נישט אויס, ווי אַקוראַט די יידישע שיף, וואָס דער „בונד“ וויל צופֿירן צום ווייטן סאָציאַליסטישן ברעג איז אַ געלעבערטע, אַן אונטערגייענדיקע, זי וועט נישט אויסהאַלטן דעם צעבושעוועטן שטורעם?

נישט איינער אין דער יידישער געזעלשאַפֿט וואַרנט און רופֿט:

— אנטלויפט פון דער יידישער אומקום־שיף. די פאַר־זיציע פון די גרויסע יידישע מאסן איז אַ פאַרשפּילטע. מיר זענען צוגעקומען צום לעצטן אָפּגרונט. נישטאָ קיין מאָרגן, ס'איז דער סוף. ראַטעוועט זיך, ווער עס קאָן, שפרינגט־אַראָפּ פון דער אונטערגייענדיקער שיף. אַנטלויפט, ווער ס'האָט נאָך אַ העמד אויפן לייב.

מיט אומברחמנותדיקער עקשנות שטייט די בונדישע מחנה אין פייער און רויך פון דער וועלט, אין מיטן די עלנטע חורבות פון יידישן לעבן. דער „בונד" וויל נישט אָפּטרעטן. טריישאַפט אויף לעבן און טויט צו די יידישע מאסן. דער „בונד" האַלט די רויטע פאָן אין האַנט און ווייעט מיט איר — און רופט די יידישע מאסן צום סאָציאַ־ליזם.

III

איבער דער וועלט איז טיפע נאַכט.
וואוהין זאָלן מיר גיין? וווּ איז דער וועג אַרויס פון
דער טרויעריקער נאַכט פון דער וועלט!

IV

טיף זענען די חכמה־קוואלן פון דער געשיכטע.

די געשיכטע איז דער שפיגל, אין וועלכן מיר שפיגלען זיך און זעען אונזער פנים.

Historia magistra Vitae. געשיכטע — לערערין פון לעבן. זי לערנט אונז לעבן.

V

די געשיכטע איז אַ לאַנגער, לאַנגער וועג צו אַ גרויסן מענטשלעכן ציל.

אונזער גאַנצער מענטשלעכער ווערט ליגט, נעמלעך, דערין, וואָס מיר, מענטשן, זענען אַ געשיכטלעכער פענאָמען.

ד. ה., אונזער לעבנס־באַוווסטזיין האָבן מיר פאַנאַנדערגעשפרייט אויף אַ דימענסיע פון דורות.

אויך דאָס קאָלעקטיווע געפיל אונזערס, דאָס געפיל פון געמיינשאַפט און צוזאַמענקייט מיט מענטשן, איז אַ דימענסיע־געפיל פון דורות.

אַ יעדע טאַט, וואָס מיר טוען פאַר אונזער ווערט, טוען מיר זי אויפן שטח פון דורות.

דורות־געפיל איז אייביקייטס־געפיל. וועלט־געפיל.

געשיכטע איז די פ אָ ר ם פון אַ גרויסן באַפרייונגס־קאַמף, וואָס דער מענטש אַלס ג ײ ס ט פירט מיט דער כאַאָטישער מאַטעריע. אין דערדאָזיקער הינזיכט האָט די געשיכטע די געמיינזאַמע ציִלן מיט דער קונסט. געשיכטע איז אַ געראַנגל פאַר פ אָ ר ם. אויך קונסט איז אַ געראַנגל פאַר פ אָ ר ם. די געשיכטע פון דער קונסט איז אַ סובלי־

מידטע ווידערהאַלונג פון דער געשיכטע פון די מענטשן. „קונסט־געשיכטע” רופן מיר דאָס דיאַלעקטישע געשעען אויפן שטח פון דער פּלאַטאָנישער אידעע. דער מענטשלעבער גייסט פירט אַ גיגאַנטישן קאַמף מיט דער רויער עלעמענטאַרער וועלט, כּדי איר, דער בּאַטישער וועלט, צו געבן דאָס געשטאַלט פונם — מענטשלעבן — עטישן געוויסן, פון זײַן קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו. דער מענטש האָט זיך פאַרנומען אויסצוטראָגן אויף זײַנע אַקסלען די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער וועלט. און דאָס איז זײַן העראָיזם אַלס היסטאָרישׁ וועזן. אויף די שטאַפּלען פון זײַנע אייגענע דורות האָט דער מענטש זיך בּאַמיט צו דערגרייכן אין די טונקלסטע תּהומות פון די וועלט־עלעמענטן — און דאָרט אָנצוצינדן דעם פאַקל פון זײַן וועזן, ד. ה., פון זײַן עטיש געוויסן: דערמיט זיך אַליין אויסצוגעפינען אין דער וועלט און די וועלט אַליין אויסצוגעפינען אין זיך.

דער מענטש איז דורכויס אַן עטישער פענאָמען. אפשר דער איינציקער עטישער פענאָמען אינם גאַנצן וועלט־אַל. דאָס איז זײַן ווערט און די דינאַמיק פון זײַן שאַפערישקייט אויף אַלע געביטן פון זײַן טאַט.

אין דעם בּאַס פון דער וועלט האָט דער עטישער מענטש אַרײַנגעטראָגן די בּשׂורה פון אַ גרויסער ליבשאַפט. וואָס איז ליבע? ליבע איז: אינם געלײַטערטסטן געפיל פון דעם אייגענעם איך זיך צו אידענטיפיצירן מיט וועזנס, וואָס שטייען מחוץ פון דעמדאָזיקן איך; אַזוי־אַרום צו פאַרוואַנדלען דאָס חיהש־עגאָטישע געפיל אינם מענטש אין אַ וועלט־געפיל פון צוזאַמענקייט און האַרמאָניע. דער קאַמף פאַר אַט־אַ דער גרויסער ליבע איז דער גרעסטע־

באפרייונגס־קאמף, וואס עס פירט דער מענטש מיטן עלע־מענטן־כאאס פון דער וועלט, דער הערויסטער קאמף.

די דיאלעקטישע פאזעס פון דעם גערא־נגל פאר דער גרויסער וועלט־ליבע רופן מיר אן היסטארישע אנט־וויקלונג פון דער מענטשהייט. אויף וויפל מיר האבן זיך דערנענטערט צו אט־א דער הערויסער ליבשאפט, — נאר אויף אזויפיל זענען מיר ארויפגעשטיגן אויף דער מדרגה פון פארטשריט און אנטוויקלונג.

איינהייטס־סינטעזע צווישן אינדיווידואום און אוניווער־סום, סינטעזע צווישן מענטש און וועלט – דאס איז דער לייט־מאטיוו פון אלע דערקענטעניש, אין וואסערע פאר־מען זיי זאלן נישט אויפטרעטן. צי וויסנשאפט, צי פילא־זאפיע, צי גאר מיסטיש־רעליגיעזע אנשויונגען און קאסמי־שע עקסטאזעס. אין די מיזאמע איר־וועגן פון איר אייגע־נעם גייסט — ווארים מיר האבן נישט קיין אנדערן אופן אויפצונעמען די וועלט, אחוץ אין די טיפע טונקעלע בע־בערס פון אונזער אייגענעם גייסט — זוכט די מענטשהייט צו דערגרייכן יענעם פונקט, ווו אלע פונאנדערגעטיילט־קייטן לויפן זיך ווידער צוזאמען. דאס דערקענטעניש זוכט דאס גרויסע צוריק־געפינען־זיך פון אלע קרעאטורן.

פיינטשאפט איז קעגן דער היסטארישער אנטוויקלונג, ווארים פיינטשאפט טיילט־פונאנדער און שטערט דעם לעצטן צוזאמענקום פון אלע עקזיסטענצן. פיינטשאפט לאזט די עקזיסטענצן נישט צוקומען צו קיין סינטעזע. ערשט די צווישן־מענטשלעכע ליבע, די וועלט־פרייד, דאס געמיינשאפטס־געפיל, איז די גינגאלדענע קרוין אויף דעם קאסמישן ווערק פון דער דיאלעקטיק.

די מאדערנע פארם פון דער קאלעקטיווער רעליגיע־

זער עקסטאזע הייסט: ס א צ י א ל י ז ם. ד. ה., דער אומדערמידלעכער היסטארישער ווילן צו א גרויסער ברידערלעכער געמיינשאפט. הגם דער סאציאליזם איז ראציאנאל, שטייט ער אבסאלוט נישט אין ווידערשפרוך צו דעם מיסטעריום פון קיום. דאס אי־ראציאנאלע פון דער וועלט זעען מיר נאר היינט קלארער און רויקער, ווי עס האבן דערויף געקוקט די פריערדיקע דורות. דער אור־מענטש האט נישט געקאנט פונאנדערשיידן צווישן דעם אטמאספערישן דונער אין די וואלקנס און דער שטים פון די געטער. דער שפעטערער, אנטוויקלטערער מענטש האט יא פונאנדערגעשיידט צווישן אטמאספערע און געטלעכקייט. מיר גייען נאך ווייטער אין דער דערקענטעניש. ווייל דער מענטש איז געווארן ראציאנאלער אין זיין דענקונגס־אופן, מיט דעם האבן זיך אפגעטון אסך נעפלהאפטיקייטן און ס׳האבן זיך אויסגעברייטערט די האריזאנטן פון דעם אי־ראציאנאלן. ד ע ר ק ע נ ע ן הייסט: נ י ש ט ־ ו ו י ס ן. די אמתע מיסטיקער קוקן וואונדערלעך־קלאר אויף די געהיימנישן פון דער וועלט. זיי זענען די וואכסטע אין דעם וואונדערפולן חלום פון דער וועלט. אויפן וועג פון דער אנטוויקלונג איז דער סאציאליזם די רעליגיע פון דעם עטישן קאטעגארישן אימפעראטיוו, די רעליגיע פון דער באוווסטזיניקער פליכט.

דער סאציאליזם איז היינט־צו־טאג די העכסטע מדרגה פון דער געשיכטלעכער אנטוויקלונג, ווייל סאציאליזם איז די סינטעזע צווישן גלויבן און פרייהייט, צווישן עקסטאזע און פארנונפט, צווישן מיסטישער וועלט־אנונג און לאגישער וויסנשאפטלעכקייט, צווישן אי־ראציאנאלער באדינגונגסלאזיקייט און – עקאנאמישע – צווישן־מענטשלעכע באדינגונגען.

מאַרקס האָט אויפגעבויט די דיאַלעקטיק פון סאָציאַליזם אויף די גרונט־יסודות פון דער העגעליאַנישער דיאַלעקטיק — דער דיאַלעקטיק פון דער קאָסמישער עקזיסטענץ. מאַרקס האָט עס געטון פון טיפסטן אינסטינקט. דאָס געמיינשאַפטס־געפיל פונם מענטש און דאָס אַבסאָלוטע וועלט־געפיל טרעפן זיך צוזאַמען אין די לעצטע מהותן פון דעם וועלט־גייסט.

VI

אין מיזאַמען גאַנג פון דער מענטשהייט צו דער ווייטערער קאָלעקטיווער אַנטוויקלונגס־שטופע פון געמיינשאַפטס־געפיל, צום סאָציאַליזם, פירט דער יידישער סאָציאַליזם די יידישע מאַסן אַנטקעגן דערדאָזיקער היסטאָרישער באַשטימונג.

דער יידישער סאָציאַליזם, וואָס איז אַחריותפול אין זיין טאַט און באַוווסטזיניק אין זיין טאַטאַלן היסטאָרישן מהות.

דער יידישער סאָציאַליזם, וואָס איז פריי -- ווייל ער האָט זיך באַפרייט פון אַלע פאָראורטיילן.

געשיכטע, וואָס קאָן נישט ווייטער גיין און קוקט בסדר צוריק – הייסט נישט ג ע ש י כ ט ע, נאָר פ אָ ר א ו ר ט י י ל.

ווער איז דער יידישער סאָציאַליזם?

עס איז נישט די צייט זיך צו שפּילן אין באַהעלטעלעך, און איך וועל מיך גאַרנישט אָפּהאַלטן דאָ אָנצורופן דעם נאָמען פון „בונד”.

אויפן עקזיסטענץ־אָפּשניט פון דער יידישער געמיינשאַפטלעכקייט מוז אויך פּיבערהאַפּטיק און קאָנסעקווענט

אַלצדינג געטון־ווערן, כּדי מיטצוגיין דעם ווייטערן וועג פון דער מענטשהייט צו דער לעצטער געשיכטלעכער סינטעזע — צו דער וועלט-ליבע.

ניין, מיר גייען נישט צוריק צום כאַאָס און צו דער פיינטשאַפט. טראָץ אַלע אַנטווישונגען מאַרשירן מיר ווייטער אין דער אַנטוויקלונג.

זענען די גרעסטע היסטאָרישע פּערספּעקטיוון אַ טרייסט פאַר דער צייטלעבער נויט, און צי גיבן זיי אונז תמיד אַ ווערט און אַן אַנהאַלט? אויבערפלאַכלעכע פּעסי־מיסטן וועלן זאָגן, אַז נישט. עס איז אָבער אַבסאָלוט נישט ריכטיק, אַז היסטאָרישע פּערספּעקטיוון קאָנען נישט זיין קיין טרייסט. מענטשן זענען נישט בלויז קיין געזעלשאַפט־לעכע באַשעפענישן (זאָאָן פּאָליטיקאָן, לויט אַריסטאָטאָלעסן). מענטשן זענען דער עיקר היסטאָרישע באַשעפענישן. זיי לעבן פון היסטאָרישע פּערספּעקטיוון און היסטאָרישע האָפענונגען — און דאָס וועזנטלעכסטע בילד פון מענטש־לעכער עקזיסטענץ קומט נאָר צום אויסדרוק אויף די לייוונטן פון דער געשיכטע.

דעם באַגריף מאָרגן האָט ערשט באַשאַפן דער מענטש אַרויס פון זיין היסטאָריש געמיט.

די פּערספּעקטיוון פון דער היסטאָריע זענען די האָ־ריזאָנטן פון דעם מאָרגן. עס מוז זיין אַ מאָרגן! אַן אויס־זיכטן אויף אַ מאָרגן וואָלט אונזער גאַנצע ביזאַהעריקע גע־שיכטע געווען אַ פאַטאַלער טעות און אַ שפּיל פון בייזע דעמאָנען. וויפל רעאַלע ליכטיקייטן ליגן אין די שויסן פון די פאַרגאַנגענהייטן, — און זיי זענען אונז אַבסאָלוט ערב פאַר די ליכטיקייטן, וואָס וואַרטן אין די שויסן פון דער צוקונפט.

מיר דאַרפֿן זיך פֿול־צו־מאַכן אונזערע געדאַנקען מיט אַט־אָ די היסטאָרישע האַפּענונגען. עס זענען די האַפּענונגען און די אויסבליקן פֿון דער מענטשהייט אויף די ווייטערע וועגן פֿון איר עקזיסטענץ. און ס'איז זיכער פֿאַר אונז אַ גרויסע טרייסט. זיין מענטש, הייסט, זיין הערויש. אונזער היסטאָרישער גאַנג איז אַ כּסדרדיקער העראָישער קאַמף מיטן כאַאָס. דאָס בילד פֿון דער קולטור איז דער באַשיינפּערלעכסטער פּראָדוקט פֿון דעם מענטשלעכן העראָיזם. פֿון וויפֿיל ראַנגלענישן מיטן כאַאָס דערציילט אונז די קולטור־געשיכטע! וויפֿיל נצחונות איבערן כאַאָס ליגן אין די פֿאָרמען פֿון דער קונסט און אין די געשטאַלטונגען פֿון טעטיקער מענטשלעכער גייסטיקייט.

מיר האָבן גענוג געהאַט ביטערע ספקות און ביטערע אַנטוישונגען. לאָמיר זיך נאָר אַ ביסעלע אויפֿהויבן איבער די אייגענע פֿאַרביטערטקייטן און ברייטער אַרומנעמען די האָריזאָנטן, וועלכע ליגן הינטער אונז, און די האָריזאָנטן, וועלכע שפּרייטן זיך פֿאַר אונז פֿאַנאַנדער און מיר רופֿן זיי, צוקונפֿט — דאַן וועלן מיר מוזן מודה־זיין: אונזער וועג איז זיגזאַגיק. איז שווער. איז כּסדרדיקער אומבארחמנותדיקער קאַמף מיט אַן אומגעהייערן כאַאָס. אָבער פּאַרט באַוועגן מיר זיך און מיר גייען ווייטער.

אינמיטן דעם געהייל פֿון די דעמאָנען פֿון כאַאָס, די דעמאָנען פֿון דער וועלט־שנאה, באַוועגן מיר זיך צו דער היסטאָרישער סינטעזע, צו דער וועלט־ליבשאַפֿט.

מיר גייען ווייטער מיט אונזער גלויבן, מיט אונזער ברידערלעכקייט, — און אונזער גלויבן איז זיכער נישט קיין פּוסטער.

VII

מיר, די סאָציאַליסטישע מחנה, דער אַוואַנגאַרד פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, זענען איצט אַנגעקומען אין די אומהיימלעכע טאָלן פון דער נאַכט. ווי אַדיסעוס זענען מיר אויף אונזער וואַנדער־וועג אַנגעקומען אין דער אונטער־וועלט. אַלע בייזע כוחות פון טויט און כאַאָס זאַמלען זיך צונויף מיט יללות און געלעכטער אין דידאַזיקע וויסטע טאָלן, כדי צו באַפאַלן און צו צעשטויבן די העלדיש־מאַר־שירנדיקע מחנה. און זי אַפּצושרעקן. מיר שרעקן זיך נישט. אינמיטן די פינצטערנישן פון דער וועלט, טראָגן מיר די פאַקעלן פון מענטשלעכער ליכטיקייט, פון מענטש־לעכער פאַרנונפט.

דורך וויסטע תהומות טראָגן מיר אַדורך דאָס ברי־דערלעכקייט, דאָס געמיינשאַפטס־געפיל, די וועלט־ליבע. דעם סאָציאַליזם.

בייזע שטורעם־ווינטן זענען אַרויסגעלאָזן־געוואָרן פונם גיהנום. זיי וואָיען און בושעווען און ווילן אויסלעשן אונ־זערע פאַקעלן. מיר בריען זיך אָפּ די הענט ביי דעם פייער, וואָס מיר טראָגן.

וועלן מיר, דאָס היינטיקע דור, נאָך זען דעם אויס־גאַנג פון טאָל פון דער נאַכט?

מיר קאָנען קיינמאָל נישט אויסמעסטן די לענג פון די פינצטערע תקופות אין דער געשיכטע. צי, אָבער, זאָל אונזער מוט געבראָכן־ווערן דערפאַר, ווייל גראָד אויף אונז האָט דאָס גרויסע שיקזאַל אָרויפגעלייגט די אויסערגעוויינ־לעכע העראָישע טאַט, אַריבערצוטראָגן די וועלט־געראַכ־טיקייט איבער די טאָלן פון דער נאַכט?

אין דעם דורות־קאַמף פון דער געשיכטע קענען מיר צוויי אַרטן פון העראָיזם —

צו דער ערשטער אַרט געהערן די, וואָס דערגרייכן פערזענלעך דעם ציל פון דעם גרויסן וועט־לויף. זיי זענען די רייפע פרוכטן אויף דעם גאָלדענעם בוים פון דער טאַט. און רייסן זיי אָפּ. די טייבן פון פרייד און גלויבן גייען־איבער די ברעגעס. די מענטשלעכע העראָסן, וואָס האָבן געגלויבט אין דעם ליכט און אין דער ליבע פון דער וועלט און האָבן דערפאַר געקעמפט — שטייען פאַר דער פולענדונג.

זיי זענען אָנגעקומען.

זיי זענען די דערגרייכער.

און מיר קענען דעם טיפן, אומבארחמנותדיקן העראָיזם פון דידאָזיקע, וואָס זענען ערשט אינמיטן דעם וועג. דער ענדציל איז נאָך וויים. דער וועג איז פול סכנות. די הימ־לען זאָגן־אָן שטורעם און פאַרניכטונג און ווערן וואָס־אַמאָל שוואַרצער. אָבער די, וואָס טראָגן אויף זייערע הענט די איינציקע האָפענונג פונם גאַנצן מענטשן־געשלעכט, ווייסן די אומגעהייערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון זייער שיקזאַל. זיי איז איבערגעגעבן־געוואָרן צו טראָגן די באַהאַלטנסטע

זוימען פון דער היסטאָריע. זיי טראָגן די פייערן, ביי וועל־בע עס וועלן זיך ערשט אָנצינדן שפּעטערע זונען. ערגעץ־ווו, הינטער האָריזאָנטן, וועלבע האָבן זיך נאָך נישט אויפ־געדעקט פאַר אונזער אויג, שטייען און וואַרטן די דורות פון דער צוקונפט. שטייען גרייט און וואַרטן. די, וואָס טראָגן די צוקונפט אויף זייערע פּלייצעס, וועלן, אפשר, קיינ־מאָל נישט זען דעם ענדלעכן ציל. שווער, מיזאם און אומדערמידלעך, טראָגן זיי די בשורה פון דערלייזונג פאַר א שפּעטערער מענטשהייט.

מיט עקסטאַטישער פרייד טראָגן די העלדישע נישט־דערגרייכער די בשורה פאַר דער וועלט.

וויפל שיקזאַל! וויפל העראָיזם! וויפל פאַראַנטוואָרט־לעכקייט! וויפל וועלט־געפיל!

דאָס איז א קאָלעקטיווער העראָיזם. דאָס שאַפערישע לעבן פון דער געשיכטע באַפאַלט זיי ווי אַן אויסטערלישע ליידנשאַפט, א דערלייזונגס־אינסטינקט צינדט־אָן דאָס גע־מיט פון א גאַנץ דור. און דאָס דור וויל זיך מקריב־זיין. דאָס זענען די פעלד־גרויע זעלנער פון דעם שיקזאַל פון דער מענטשהייט. זייער באַשטימונג: אויסצופירן א שליחות — אָריבערצוטראָגן דאָס ליכט פון דער וועלט איבער די פלייצעס פון דער נאַכט.

זיבער. דער העראָישער מענטש איז א נפש פון דער אייביקייט.

VIII

מיר לעבן אין א תקופה, ווו אין אלע וואלקענעס הענגען די ספקות ווי שווארצע רעגנבויגנס. זיי דראען און לאכן. עס איז קיין ווונדער נישט, וואס מען הייבט־אן פעסימיסטיש צו קוקן אויפן שפיל פון די אביעקטיווע באדינגונגען. סע קוקט גריילעד אויס, אז דער עלעמענטארער כאאס איז סוף־כל־סוף שטארקער פון דעם הערא̇ישן ווילן פונם היסטארישן מענטש. מיר ראנגלען זיך אומזיסט מיט כוחות, וואס זענען מיליארדן מאל שטארקער פון אונזער ווילן. און דער מענטשלעכער גייסט איז נאר, ליידער, א̇ן אויסזיכטסלאזער און אומבאהאלפענער פרווו צו באלייכטן די אייביקע פינצטערנישן פון דער וועלט. אייביקע פינצטערקייט — דאס איז די אייביקע ווארהייט פון דער וועלט. דער וואכער גייסט און דער חלומהאפטיקער שלאף איז איין־און־דאסזעלביקע. מיר לעבן אין א מיקלאמפערשט „רעאלער" וועלט, וואס איז נישט מער ווי נאראנים־שפיל. שוים און רויך. מיר האבן גארנישט באשטימטעס אין דער האנט און לויפן סתם נאך די הינער־פלעטערישע מיראזשן פון אונזער סוביעקט. די לאגיק פון דערווירקלעכקייט אנטוישט אונז. און מיט פולקומענער רעכט. אבער מיר

לעבן! ווייל מיר לעבן נאָר אין די ענגע גרענעצן פון אונ־
זערע אייגענע פאָרשטעלונגען, דעריבער מוזן אפילו די
גרעסטע פעסימיסטן מודה־זיין, אַז די באַשטימונג פון לעבן
און יעדע דערקענטעניש האָט בלויז פאַר זיך איין ציל:
צו אידענטיפיצירן די געשיכטע פון דער וועלט מיט דער
געשיכטע פון די מענטשן: צו קוקן אויף דער קאָסמישער
געשיכטע פונם שטאַנדפּונקט פון מענטשלעכן וועלט־גע־
פיל. מיר לעבן מיט דעם איינציקן גלויבן אין דער אַנט־
וויקלונג. וואָס הייסט אַנטוויקלונג? אַנטוויקלונג איז דער
דעוויז פון אונזער לעבנס־דינאַמיק. א נ ט וו י ק ל ו נ ג — רופן
מיר אָן די דיאַלעקטישע געשיכטע פון אונזער וועלט־גע־
פיל.

א נ ט וו י ק ל ו נ ג איז די איינציקע מעגלעכקייט פון אַ
וועלט־ווירקלעכקייט, אין וועלכער מיר זאָלן קאָנען עק־
זיסטירן.

די וועלט איז אונזער פאָרשטעלונג. גוט, אָבער נאָר
דידאַזיקע וועלט־פאָרשטעלונג גיט אונז אַ וועלט־מעגלעכ־
קייט.

IX

אויפן זיך־וואקלענדיקן פיעדעסטאל פון דער הײנטצײטי־
קער װיסנשאפט האט זיך ארױפגעשטעלט דער קלו־
גער און ניכטערער סקעפטיקער און לײקנט אין דער אנט־
װיקלונג. די הײנטצײטיקע פאזיטיװע װיסנשאפט איז
זײער פאעטיש און זי הענגט־אן אירע פראקטישע געזעצן
אין דעם אומפראקטישן געמיט פונם מענטש. אירע מאטע־
מאטישע פארמולירונגען בארגט זי זיך אױס פון דער טונ־
קעלער פאנטאזיע. דער הײנטצײטיקער װיסנשאפטס־מאן
פרעטענדירט צו זײן א דיכטער. נאך מער: ער פרעטענדירט
צו זײן א יאוש־דיכטער. א קהלת. אין זײנע קאנקרעטע
װארהײטן װיל ער גאר אױסזינגען דאס שװאנען־ליד פון
דער װעלט. דער קהלת פון די װיסנשאפטן איז כמעט װי
אבסאלוט זיכער, אז אים טאקע איז, ענדלעך, געראטן
ארױסצוזאגן דעם ביטערסטן אמת פון דער װעלט.

אלצדינג איז רעלאטיװ, זאגט דער מאדערנער קהלת.
אױב די װעלט־געזעצן זענען נאר רעלאטיװע, האבן מיר
נישט קײן שום באװײז, אז מיר לעבן אין א סיסטעמען־
קײט פון אנטװיקלונגען און באװעגן זיך פארױס. נײן, מיר
גײען אבסאלוט נישט פארױס. מיר געפינען זיך צװישן

בלענד־שפּיגלען. ווי צעשפּילטע קינדער פאָרן מיר אויף דער בונט־באַמאַלטער קאַרוזעלע פון ווידערקער. מיר דרייען זיך בסדר אַרום אין אַ געזעצלאָזן, און ממילא אַנטוויק־לונגסלאָזן כּישוף־ראָד. ס׳איז נישטאָ קיין שום אויסגאַנג.

אונזער וועלט־בילד האָבן מיר אויפגעבויט אויף וועלט־געזעצן, וועלכע מיר דערקלערן איצט פאַר רעלאַ־טיווע. אָבער, צי זענען מיר שוין טאַקע צוגעקומען צו די הינטער־קוליסן פון דער וועלט און געמאַכט די לעצטע און ענדגילטיקע אַנטפּלעקונגען אין דעם מעכאַניזם פונם קאָסמאָס? צי הינטער די כימערישע נעפּלען פון די היינט־צייטיקע דערקענטעניש־וויסנשאַפטן ליגן נישט אַמאָל די אַנדערע, די אַבסאָלוטערע געזעצן פון דער וועלט און מיר דערנענטערן זיך אפשר גאָר צו די קאָנקרעטע וואַרהייטן? צי איז עס טאַקע שוין אויף באַשטימט, אַז וואַרהייט איז אידענטיש מיט רעלאַטיוויטעט, און דאָס לעצטע געזעץ פון דער וועלט איז עפּעס אַ ווילדע און אומברחמנותדיקע גע־זעצלאָזיקייט? צי איז שוין זיכער, אַז איינשטיין האָט אַרויסגעזאָגט דאָס לעצטע וואָרט פון דער פיזיק?

נישט בלויז אינם גלויבן מוז מען זיין פאַרזיכטיק. אויך דער צווייפלער באַדאַרף צו האַלטן די נויטיקע מאָס, זיין פאַרזיכטיק און נישט איבערציען דאָס שטריקל. אין דעם איינעם קאָנען מיר יאָ זיין זיכער: דער קלוגער און ניכטערער אַנטוויקלונגס-סקעפּטיקער וויל צונעמען אַלע האָפענונגען ביי דער מענטשהייט. מיר דאַרפן און מיר טאָרן אים נישט הערן. דעם וויסנשאַפטלעכן סקעפּטיציזם טאָרן מיר נישט מאַכן פאַר קיין לעבנס־דעוויז. סיידן מיר ווילן זיך אַליין אויסשרייבן אַ טויט־אורטייל.

אַנטוויקלונג איז די איינציקע ליטער צו דעם

גליק־שטערן, וואָס פינקלט אין די פינצטערע הימלען אי־
בער אונזערע קעפּ. די אַנטוויקלונג האָבן מיר קאָנס־
טרוירט פון אַ גלויבן אין אונזער עטיש געוויסן, פון אַ
וועלט־גערעכטיקייטס־געפיל, און פון אַ העראָיזם, אייביק
טריי־צו־זיין דער וועלט־גערעכטיקייט.

די מענטשהייטס־געשיכטע איז דער עפּאָס פון דעמ־
דאָזיקן גערעכטיקייטס־העראָיזם. די וועלט־ליבשאַפט, דאָס
קאָלעקטיווע מענטשהייטס־געוויסן, דער סאָציאַליזם, איז
דער אויסדרוק פון דעם געוויסן און פון דער עטישער גע־
זעצמעסיקייט פון דער וועלט.

X

די וועלט מוז באַזיגט־ווערן פונם גערעכטן מענטש.

אין זיין דערקענטעניש שאַפט דער עטישער מענטש

דאָס געזעץ־בוך פאַר דער באַטישער וועלט.

וויי אונז, ווען מיר וועלן נישט זיין די זיגער.

וויי דער וועלט, ווען זי וועט נישט זיין די באַזיגטע.

XI

אויפֿן שווערן וועג פֿון דער אַנטוויקלונג מאַרשירן מיר צו אונזער עטישן קאַטעגאַרישן אימפּעראַטיוו, צו דעם מאַראַלישן געזעץ פֿון דער וועלט.

צום געוויסנהאַפֿטיקן מענטש.

צו דער וועלט־ליבשאַפֿט.

צום סאַציאַליזם.

מיר גייען. אַלע בריקן הינטער אונז מוזן ברענען. נישטאָ קיין צוריקוועג פֿאַר דער מענטשהייט. צוריק — הייסט, צוריק צום כאַאָס. רעאַקציע — הייסט, אַראָפּפֿאַלן פֿון דער לייטער פֿון דער אַנטוויקלונג, וואָס פֿירט אונז אַרויף צו אונזער שטערן. מיר רעדן זיך איין צו זיין די ז ע ע ו ו ד י ק ע אין אונזער דערקענטעניש פֿון דער אַנט־וויקלונג. ס'איז ווייניק. ס'איז פֿאַראַן אַ העכערע מדרגה: באַוווסטזיניק ב ל י נ ד צו זיין אין דעם מאַראַלישן גלויבן אין דער אַנטוויקלונג.

נישט פֿאַראַן קיין געשיכטע אָן אַנטוויקלונג, וואָרים עס איז נישט פֿאַראַן קיין לעבן אָן אַנטוויקלונג.

נישטאָ קיין עטישער מענטש אָן דעם גאַנג פֿאָרויס.

XII

אויפֿן אָפּשניט פֿון אונזער יידישער געשיכטע מוזן מיר אויך מיטגיין מיטן עטישן שיקזאַל פֿון דער מענטשהייט. אויך פֿאַר אונז גילט דאָס געזעץ פֿון דער אַנטוויקלונג. פֿאָרויס! מיר קאָנען נישט גיין צוריק. פֿאַר אַסך פֿון אונז קוקט די יידישע פֿאַרגאַנגענהייט אויס צו זיין שענער און בעסער פֿאַר דער יידישער קעגנוואַרט. פֿערזענלעך האָב איך צו דעם באַוואָרענישן. אין שייכות צו דעמדאָזיקן פּראָבלעם איז דער שטאַנדפּונקט נישט אַזוי פּשוט און עס ווענדט זיך גרייטשאַפֿט אַסך פֿון דער באַציונג צו דער מענטשלעכער וועלט־באַשטימונג. נאָר נישט דאָס בין איך אויסן. יעדנפֿאַלס ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין -- די פֿאַרגאַנגענהייט האָבן מיר אָפּגעטון. און אויב זי איז שיין געווען, איז עס געווען נאָר דערפֿאַר, ווייל מיר האָבן זי פֿאַרבונדן מיט אַ צוקונפֿט. דער ראָמאַנטיזם פֿון אַלע פֿאַרגאַנגענהייטן נעמט זיך דערפֿון, וואָס די שפּעטערע דורות דערקענען דאָרט די זוימען פֿון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, וואָס האָט זיך פֿאַנאַנדערגעבליט אויף די זיך־באַוועגנדיקע פֿלאַכן פֿון דער צייט. נאָר דידאָזיקע רעטראָספּעקטיוון זענען ראָמאַנטיש. דער פֿאַרגאַנגענהייט זענען מיר דאַנקבאַר פּונקט ווי דער,

וואָס שניידט די פולע זאַנגען אויפן פעלד איז דאַנקבאַר די קערנער, וואָס זענען דאָ פאַרזייט-געוואָרן. אָבער צוריק צו דער פאַרגאַנגענהייט — הייסט, זיך אָפּזאָגן פון דער אַנט-וויקלונג און צוריקטרייבן די צייט. צוריקטרייבן די צייט, הייסט, צוריקגיין צום כאַאָס, ד. ה., צום פינצטערן באַ-יוּוסטלאָזן מוטערלייב פון דער וועלט.

וואָס שייך צו יידישער פאַרגאַנגענהייט –

אַסך פון אונז, יידן, קוקן-צוריק אויף איר מיט גרויס היים-בענקשאַפט. אין איר, הייסט עס, זענען מיר אַלץ גע-ווען. אין דער קעגנוואַרט, הייסט עס, זענען מיר גאָרנישט. זענען מיר נול. ביטערע יידישע קעגנוואַרט אין דער וועלט-נאַכט. זאָלן מיר, יידן, זיך דערשרעקן און אומקערן אויף צוריק? ניין, מיר טאָרן זיך נישט אומקערן אויף צוריק. מיר ווינען נישט אויף קיין באַזונדערן פּלאַנעט. מיר זע-נען נישט די גייסטער פון אומבאַקאַנטע שטערן. הגם ס'איז היפּש סימפּטאָמאַטיש, וואָס ביי אַסך פון אונזערע שרייבער האָבן זיך לעצטנס באַוויזן באַזונדערע ליבשאַפטן צו דער געטאָ. מיר זענען מענטשן. יידן-מענטשן. און אונזער שיקזאַל איז מענטשהייטס-שיקזאַל. איך געהער אַבסאָלוט צו די-יעניקע, וואָס האַלטן, אַז יידן האָבן באַזונדערע פאַרדינסטן אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. אינם גרויסן שוישפּיל פון דער געשיכטע האָבן יידן אויסגעפירט אַ באַזונדערע ראָל. און זייער אַ פּאָזיטיווע ראָל. אָבער אַלע אונזערע היסטאָרישע פאַרדינסטן האָבן נאָר אַ ווערט, אויף וויפל זיי זענען מענטשהייטס-פאַרדינסטן. נאָר אינם צוזאַמענשפּיל מיט די טאַטן פון דער אַלגעמיינער מענטשהייט, האָט אויך אונזער יידישע טאַט געהאַט אַ וואָג. האָבן מיר געלייסטעט. און מ'קאָן אונז קיינמאָל נישט פאַרגעסן און נישט אויסטי-

ליקן פון דעם געדעכעניש פון דער וועלט. אָ, דאָסדאָזיקע וועלט־באַוווסטזיין איז זייער אַסך פאַר אַ נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו! און נישט יעדער נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו קאָן האָבן די אַמביציע נישט פאַרגעסן־צו־ווערן. אויב מיר ווילן, אַז אונזער דורות־לאַנגע יידישע פיין זאָל נישט מאַכן צו אומזיסט די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ אונזערע, און מיר זאָלן וויסן צו געבן אַ תשובה דעם אומהיימלעכן פרעגצייכן, וואָס הענגט אין די יידישע וואָלקענעס, דאָן מוזן מיר ד ו ר כ ו י ס אַרויסהייבן אונזער אַלגעמיינעם היסטאָרישן ווערט, ד. ה., א ו נ ז ע ר ו ו ע ר ט פ אַ ר ד ע ר ג ע מ יי נ ש אַ פ ט.

אַסך האָבן מיר געליטן אַלס היסטאָרישע פענאָמענען. אַסך האָבן מיר באַצאָלט פאַר אונזער עקזיסטענץ אין דער וועלט. זאָלן מיר זיך גאָר צום סוף צוריקציען פונם שלאַכט־פעלד פון דער געשיכטע? אונזער יידישער מהות איז וועלט־געשיכטע. די הויפּט־טעריטאָריע פון דער יידישער געשיכטע זענען די פליינען פון דער וועלט־געשיכטע. דאָרט האָבן מיר זיך געשטאַלטיקט און זענען געוואָרן דאָס וואָס מיר זענען. יעדעס באַדייטנדיקע פאָלק האָט נאָר אויף אַזויפיל אַ באַטייט, אויף וויפל עס איז אַ וועלט־פאָלק. מיר מוזן זען אונזער עקזיסטענץ־ווערט גראָד אין אונזער וועלט־פאָלקישקייט, אויב מיר זאָלן אַליין פאַר זיך האָבן אַכטונג. מיר מוזן זיין אַ באַדייטנדיק וועלט־פאָלק — אַזוי האָט בלוטיק באַשטימט אונזער שיקזאַל. אמת, דידאָזיקע זעלבסט־אַכטונג האָט אונז גאָר אַסך געקאָסט, אָבער לאָמיר גוט געדענקען: אָן דערדאָזיקער זעלבסט־אַכטונג בלייבט אונז איבער נאָר איין לעבנס־געפיל — דאָס מינדערווערטיקייטס־געפיל. דאָן קאָנען מיר, מיר יידן, נישט מער טון ווי

רייסן זיך די האָר פון קאָפּ אויף דעם, וואָס מיר האָבן אומזיסט פאַרטאַכלעוועט אונזערע נאַציאָנאַלע יאָרן, און מיר זענען געווען און בלייבן אויפן פוסטן ווינט.

מיר זענען צוגעקומען צו גרויסע און טראַגישע וועלט־אַנטשיידונגען. צו הערויִשע וועלט־אַנטשיידונגען. מיר, כ׳מיין מיר יידן, דאַרפן נישט צו פעלן אויף די שלאַכט־ליניעס. מיר האָבן נישט קיין אַנדער קיום־אָרט. ספּעציעל הינטער אונז האָט דאָס שיקזאַל פאַרברענט אַלע בריקן און מיר האָבן נישט וואָהין אָפּצוטרעטן פונם גרויסן קאַמף. מיר האָבן נישט וואָהין צו גיין אויף צוריק. עס קעמפן און ראַנגלען זיך דער באַאָס מיט דער האַרמאָניע, דאָס וועלט־רשעות מיט דער וועלט־גערעכטיקייט, די וועלט־שנאה מיט דער גרויסער ליבשאַפט פון דער וועלט. דער באַאָס רופט אונז צוריק צום אור־לייב פון תהום, צוריק צום וועלט־בין־השמשות. און דאָס וועלט־געוויסן רופט אונז צו גיין פאָרויס. צו דער אַנטוויקלונג. צום סאָציאַליזם. וואָס בלייבט־איבער פאַר אונז, יידן, אויב מיר ווילן קומען צום טרויעריקן באַשלוס, אַז אויף אַלע פּלאַנען פון דער וועלט עקזיסטירט בכלל נישט אַזעלכעס, וואָס מען רופט וועלט־געוויסן, אַז אַלע גוטע שטערן נאַרן אונז אָפּ און אַלע צוקונפטן האָבן זיך אויסגעלאָשן פאַר דער מענטש־הייט, אַז סע קומט־אָן די מיקלאָמפּערשט איינציקע וועלט־וואָרהייט — דער אייביקער חושך, און אַלץ איז פאַרשפּילט, און מיר, גראַד מיר יידן, טאָרן נישט מיטמאַכן אָט דאָס העלדישע נאַראָנים־שפּיל פון אַ וועלט־גערעכטיקייט!?

אויב מיר זאָלן ווירקלעך האָרכן אויף די אַלע עצות, וואָס ווערן אונז פון פאַרשידענע גוטע פריינט הויך און שטיל אַריינגעשעפּטשעט אין די אויערן — דאַן איז וואָס בלייבט

אונז איבער? א, הילפלאזע האפענונגסלאזיקייט! מיר זענען דאן אנטוישטער פון אלע אנטוישטע. און דאס לעבן האט מיט אונז געשפילט דעם בייזסטן שפאס. מיר האבן זיך מיאוס אפגענארט, און אונזער גאנצע געשיכטע איז דאן נישט מער געווען ווי א קאמף מיט ווינט־מילן, ביי וועלכע מיר האבן זיך צעדמט און צעמזיקט. מיר בלייבן שטיין אדם־נאקעט אונטער די אומברחמנותדיקע בייטשן פון די דעמאנען. צוריק אוועקגיין? וואהין זאלן מיר צוריק אוועקגיין? פאר אונז איז נישטא דאן קיין ארט אין דער נאכט פון דער וועלט. אלע תהומות האבן זיך אויפגעטון אינם אייביקן וועלט־חושך. ס׳איז מבול. אינם אונטערגאנג זענען מיר די ערשטע, וואס מוזן אונטערגיין.

אונזערע יידישע פארגאנגענהייטן האבן זיך אפגעשפילט אויף די פליינען פון דער גרויסער וועלט. אויך אונזערע יידישע צוקונפטן — צי מיר ווילן יא, צי מיר ווילן נישט – מוזן געטון־ווערן אויף דידאזיקע פליינען. מיסיע? לאמיר נאר אויסטוישן דעם טעאלאגישן און דרויסנדיקן אויסדרוק „מיסיע” אויפן פסיכאלאגישן און אינערלעכן אויסדרוק לעבנס־ליניע – און מיר וועלן זען, אז סיי אינדיווידועלע, סיי קאלעקטיווע כאראקטערן לעבן מיט א באשיינפערלעכער מיסיע. מיסיעלאזיקייט איז דאס אייגענע, וואס כאראקטערלאזיקייט. און עס געהער צום מינדערווערטיקייט פון לעבן, צו לעבן אן א מיסיע. מ׳לעבט אין כאאס, אויב מ׳לעבט אן א מיסיע, ד. ה., אויב מ׳לעבט אן א כאראקטער און אן א ציל. לעבן אן א ציל, איז דאס אייגענע, וואס לעבן אן א ווילן. און צי ווילן מיר, יידן, מודה־זיין, אז מיר לעבן אן א כאראקטער? די וועלט־געשיכטע האט נישט געפרעגט ביי

אונז קיין דעה, נאר האט זיך אזוי אויסדרעזשיסירט, אז מיר האבן אין איר געמוזט שפילן א טראגישן הערויזם, און מיר האבן אין איר באקומען א כאראקטער-ליניע, דורך וועלכער מיר, אין אונזער גאנצן לעבנס־מהות, האבן געמוזט זיין און בלייבן א וועלט-פאלק. צו שיקזאל, צו באדינגונגען — פארפאלן. און וועט עס אנדערש-ווערן? מיר זעען נישט קיין שום רעאלע צייכענעס, אז די געשיכטע האט זיך אנדערש מישב־געווען און זי איז אין דער בוונה צו טוישן אונזערע ראלן. מיר מוזן פארבלייבן אין דערדאזיקער ראל — אויב מיר ווילן נישט אויסקומען קאמיש, אפגענארט און אן איבעריקער רעקוויזיט אויף דער בינע פון דער וועלט.

דער „בונד”, ד. ה., דער יידישער סאציאליזם אין זיין קאנסעקווענטער און באוווסטזיניקסטער פארם, האט קלאר און אן שום העמונגען און פאראורטיילן באנומען דידאזיקע רעאלע היסטארישע לאגע פון יידיש וועלט־דאזיין. דעריבער האט דער „בונד” געפרווווט די נאציאנאלהיסטארישע עקזיסטענץ־פארם פון יידן צוצופאסן צו דער עקזיסטענץ־פארם פונם סאציאליזם. לויט דער קאנסטרוקציע פון דער יידישער געשיכטע איז דער סאציאליזם די איינציק־מעגלעכע וועלט-ארדענונג, אין וועלכער מיר, יידן, זענען ביכולת צו עקזיסטירן און זיך צו אנטוויקלען אין אונזער נאציאנאלן וועלט־מהות. געוויס — טעארעטיש קאן מען אסך זיך פאנאנדערדיסקוטירן וועגן דעם, אז אויב יידן וואלטן, צ. ב., געלעבט אויף אן אייגענער טעריטאריע, וואלט עס פאר זיי געווען פראקטישער און וויניקער טראגיש. ס'איז זייער מעגלעך. הגם — קיין שום טעריטאריע האט נאך נישט אפגעראטעוועט קיין פאלק פון אונטערגאנג.

מיר האָבן געזען נישט־ווייניק נאַציאָנאַלע טראַגעדיעס אויף
אייגענע טעריטאָריעס. דאָס פּראָבלעם פון פאָלק און לאַנד
איז פיל קאָמפּליצירטער, ווי עס דוכט זיך אויבנאויפיק
אויס. נישט דאָס בין איך אויסן. וועלכער, אָבער, פון אַלע
טעריטאָריאַליזמען עס זאָל ביי אונז נישט געווינען דעם טע־
אָרעטישן קאַמף, — ער וועט בלייבן ביים בלויזן לאָרבער־
קראַנץ. קיין ווירקלעך־פּראַקטישע רעזולטאַטן אַלס נאַציאָ־
נאַלע לעזונג פאַרן יידישן פאָלק — קאָן, ליידער, נישט
דערגרייכן קיין שום יידישער טעריטאָריאַליזם, אַריינגע־
רעכנט דעם ציוניזם. זיבעצן מאָל קאָן דער טעריטאָריאַ־
ליזם זיגן מיט זיינע אַרגומענטן אויפן אַקאַדעמישן פאָרום
פון דיסקוסיע, — און זיבעצן מאָל שיין און אידיליש אויס־
מאָלן דאָס ווונטש־בילד צו זען יידן אויף אַן אייגן לאַנד.
דער וואָגן וועט זיך נישט רירן פון אָרט. יידן וועלן בלייבן
וועלט־יידן. עס זענען נישט פאַראַן קיין שום רעאַלע אויס־
זיכטן, אַז דער אידעאַל פון אַ לאַנד פאַר דער יידישער
נאַציע זאָל זיך פּראַקטיש פאַרווירקלעכן. מיר קלאַפּן דאָ
מיטן קאָפּ אין אַ מויער פון טויזנטער באַדינגונגען, וועלכע
עס לאָזט זיך — רעאַל — אַבסאָלוט נישט מנצח־זיין.
אָבער — לאָמיר זיך אָפּגעבן דין־וחשבון: מיר קלאַפּן אויך
דעם קאָפּ אין אַ מויער פון א י נ ע ר ל ע כ ע שטערונגען און
העמונגען פון דער יידישער פּסיכיק. לויט אונזער כאַראַק־
טער, ד. ה., לויט אונזער לעבנס־ליניע, זענען מיר אַ
וועלט־פאָלק. דעריבער האָבן זיך, דערווייל, נישט איינגע־
געבן אַלע פּרוון — און זיי זענען אין משך פון דער יידי־
שער געשיכטע אַסך מאָל געמאַכט־געוואָרן — אונז אַלע
ווידער צונויפצוזאַמלען אויף איין טעריטאָריע. אויב עס
זענען געווען אויסערלעכע מניעות, וואָס דיזאַזיקע טערי־

טאָריאַלע פּרוּוון האָבן זיך נישט איינגעגעבן, איז עס נישט געווען בלויז די שולד פון די אָביעקטיווע מניעות. וואָרים מיט אַנדערע פעלקער, ביי נאָך גרעסערע אָביעקטיווע מניעות, האָבן זיך ענלעכע עקספּערימענטן יאָ איינגעגעבן. דאָ האָט, דער עיקר, מיטגעשפּילט דאָס וועלט-געפיל פונם יידישן כאַראַקטער, זיך אויסצובויען און צו עקספּאַנסירן אויף די פלאַכן פון דער וועלט. אין מהות זייערן זענען יידן נישט קיין טעריטאָריאַל פאָלק, עס פעלט זיי דער נאַציאָנאַלער חוש דערפאַר. מיר זענען, היסטאָריש גענומען, אין גאַנצן נאַציאָנאַלן וועזן אונזערן אַ וועלט-פאָלק. און עס איז אַבסאָלוט נישט קיין ווידערשפּרוך, הגם עס קלינגט אויבנאויפיק ווי אַ ווידערשפּרוך. אפילו זיצנדיק אין פּאַלעסטינע, האָבן יידן מער אין זינען געהאַט די וועלט, און דעם גאָט פון דער וועלט, און די גערעכטיקייט פון דער וועלט, איידער ווי די נאַציאָנאַלע טעריטאָריע. אַלע יידישע אויפשטאַנדן אין פּאַלעסטינע האָבן קיינמאָל נישט געטראָגן קיין נאַציאָנאַל-טעריטאָריאַלן כאַראַקטער, נאָר דורכויס אַ רעליגיעזן, ד.ה., לויט די השגות פון יענער צייט, אַ וועלט-אידעישן. פאַר דעמדאָזיקן אַ-טעריטאָריאַלן וועלט-געפיל אונזערן, האָבן מיר באַצאָלט מיט דער טעריטאָריאַלער זעלבסטשטענדיקייט, ד. ה., אויב יידן זענען בכלל געווען ווען-עס-איז פולשטענדיק טעריטאָריאַל זעלבסטשטענדיק. אויך די היסטאָריש-יידישע טעריטאָריע, פּאַלעסטינע, איז אַ קאָרידאָר-טעריטאָריע, אַ פּרוזדור און דורכגאַנג-טעריטאָריע צווישן צוויי וועלטן, עפּעס ווי אַ טעריטאָריע כאָפּ-לאָפּ און אויפדערוווייל. דאָס יידישע פּאַלעסטינע איז עפּעס, ווי תמיד, געווען — זאָלן מיר אַלע ציוניסטן מוחל-זיין — אַ טעריטאָריאַל קאַסריל עווקע. און איך בין גריי-

לעך נישט זיכער אין דעריין, צי דאָס אי־טעריטאָריאַלע איז
אונזער נאַציאָנאַל אומגליק. גראָד דערמיט, וואָס אונזער
נאַציאָנאַלן קיום האָבן מיר נישט אָפּהענגיק־געמאַכט פון אַ
טעריטאָריע, האָבן מיר, אַזוי־צו־זאָגן, אפשר גוט געטון. מיר
האָבן אַלע אַטריבוטן פון אַ נאַציאָנאַלן מהות עלימינירט
בלויז אויף די שטחים פון דער קאָלעקטיווער פסיכיק.
דורך די היסטאָרישע באַדינגונגען איז אונזער נאַציאָנאַלע־
קיום קאָנסטרוירט־געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז אין זיין
גאַנצן פאַרנעם איז ער פאַרבונדן געווען בלויז — אָבער
טאַקע בלויז — מיט דער עקזיסטענץ פונם יידישן מענטש.
מיר האָבן אים, דעם נאַציאָנאַלן יידישן קיום, געקאָנט מיט־
טראָגן, אומעטום, מיט זיך אין קעשענע. מיגלעך, אַז דאָס
איז דער סוד, וואָס מיר האָבן איבערגעהאַלטן אַסך שטו־
רעמס און קיינער איז סוף־כל־סוף נישט אימשטאַנד־געווען
אונז טאָטאַל צו פאַרלענדן. טעריטאָריעס פאַרגייען און די
וועלט בלייבט. און מיר געהערן צו דער וועלט. לאָמיר
זיך, באמת, נישט איינרעדן, אַז אַ נאַציאָנאַלע טעריטאָריע
איז דאָס איינציקע און שטאַרקסטע שוץ־מיטל פאַר דער
נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, און דער קאַמף מיטן שונא קאָן
דאָרט געפירט־ווערן צום בעסטן. פעלקער, וואָס האָבן נאָר
עקזיסטירט אויף טעריטאָריעס, זענען פיל שנעלער און פיל
גרינדלעכער אויסגעראָטן־געוואָרן. דערצו האָבן מיר קלאָ־
רע ביישפּילן פון דער היסטאָריע. אַפילו אין דער תקופה,
אין וועלכער מיר לעבן, זענען מיר אַליין געווען עדות, ווי
לייכט, צ. ב., די טערקן האָבן אויסגעראָטן די טעריטאָר־
יאַלע אַרמעניער און די טעריטאָריאַלע קורדן. ווען ביים
חורבן־ירושלים וואָלטן מיר געוווינט בלויז אין פּאַלעסטי־
נע און ס'וואָלט שוין דאַמאָלס נישט געווען קיין גרויסע

יידישע דיאַספּאָרע, וואָלט פון אונז קיין שריד־ופליט נישט פאַרבליבן. נאָר די דיאַספּאָרע, דער גלות, האָט אָפּגעראַ־טעוועט דעם נאַציאָנאַלן יידישן קיום. צדקה עשה הקדוש־ברוך־הוא לישראל שפזרם בין האומות.

די היטלעריסטן, צ. ב., קומט עס אָן גענוג שווער אויסצוראָטן, אפילו אַזאַ קליינעם יידישן קיבוץ, ווי עס זענען די דייטשע יידן. און עס איז דערפאַר, ווייל יידן זע־נען נישט קיין טעריטאָריאַלע איינהייט, וואָס מ׳קאָן אָפּווישן און ליקווידירן, ווען מען ליקווידירט זייער טעריטאָריאַלן אַדרעס. יידן זענען אַ טייל פון דער וועלט און מיט דער וועלט גייט עס שווערער.

XIII

מיר מוזן זיך גוט דערויף פֿאַרטראַכטן: אונזער יידישע וועלט־עקזיסטענץ ווערט אידענטיפֿיצירט מיט אַסך קאַרדינאַלע וועלט־פּראָבלעמען. סיי אונזערע שונאים, סיי אונזערע פֿריינט, נוצן אונז אויס אַלס דעם באַראָמעטער צו וויסן, ווי עס האַלט גייסטיק מיט דער וועלט. לויט דער באַציִונג צו יידן שאַצט מען אָפּ דעם צוריקגאַנג אָדער פֿאָרטשריט פֿון די הומאַניטאַרע אידעען, ד. ה., פֿון דעם שטאַנד פֿונם געמיינשאַפֿטס־געפֿיל. ס׳איז אפֿשר נישט אָנגענעם צו זיין דער וועלט־באַראָמעטער. אָבער קיין אומכּבֿוד איז עס זיכער נישט. און שליסלעך – דאָס לעבן מעסט זיך נאָר מיטן לעבנס־ווערט און מיט דער ווערט־מדרגה פֿון אַן עקזיסטענץ.

XIV

וועגן דעם איז דאָ אָסך צו רעדן און דידאַזיקע פּראָבלע־מען וועלן אונז צו ווייט פירן. איך בין דאָ כּלל נישט אויסן זיך אַריינצולאָזן אין טעאָרעטישע דיסקוסיעס, וואָס עס וואָלט פאַר יידן בעסער געווען, ווען מיר זאָלן האָבן אַלע מעגלעכקייטן איינצואָרדענען דאָס יידישע לעבן לויט די פרומע און שיינע ווינטשן פון די אַזוי־גערופענע אַנטי־גלותיסטן.

איך וויל נאָר רעדן וועגן דעם עצם היסטאָרישן פאַקט, און וועגן די ווייטערע פערספּעקטיוון פון דעמדאָ־זיקן פאַקט.

און דער פאַקט איז: מיר זענען אַ וועלט־פאָלק.

אין דעם שווערן, קריטישן און סכּנהפולן אַנטשיי־דונגס־מאָמענט, צו וועלכן די גאַנצע וועלט, און מיר באַ־זונדער אַלס וועלט־פאָלק זענען צוגעקומען, מוזן מיר – אין די פּערספּעקטיוון פון אַ ווייטערן עקזיסטענץ־וועג – זיך אָריענטירן אויף אַזאַ געזעלשאַפטלעכע פאָרם, וועלכע זאָל – רעאַל – זיין צוגעפּאַסט צו אונזער – רעאַלן–לעבנס־מהות און צו דעם קאָנסטרוקציע־אופן פון אונזער נאַציאָ־נאַלן קיום. נאָר אַ סינטעטישערע און וועלטישערע ווירט־

שאַפֿטלעכע פֿאָרם, נישט קיין טעריטאָריאַל־נאַציאָנאַלע,
נאָר אַ ווירטשאַפֿטס־פֿאָרם, וואָס איז אויסגערעכנט אויף אַ
קאָסמאָפּאָליטישע און אַן אינטער־נאַציאָנאַלע באַזע, ד. ה.,
אַ סאָציאַליסטישע ווירטשאַפֿטס=פֿאָרם, זי אַליין קאָן אונז
געבן די מעגלעכקייט פֿון נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און
נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג. די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט
איז קאָנסטרוקטיוו צוגעפּאַסט צו אונזער מאַטעריעלן און
גייסטיקן לעבנס־מהות. אין דער ווייטערער אַנטוויקלונג
פֿון אונזער לעבנס-ליניע, מוזן מיר זיין דאָס פֿ אָ ל ק פֿ ו ן
ס אָ צ י אַ ל י ז ם. עס איז דער געבאָט פֿון אונזער היסטאָ=
רישן ש י ק ז אַ ל, וואָרים אַזוי איז שוין אונזער היסטאָרי־
שער כ אַ ר אַ ק ט ע ר. נאָר אויף דעם אופֿן פֿאַרשטיי איך
קאָנקרעט דעם אידעאַל פֿון אַ מאָדערן און וועלטלעך
יידישקייט. דערדאָזיקער קאָנסעקווענטער און געזעצמעסי=
קער אמת קאָן גענוג קלאָר=זיין פֿאַר יעדן איינעם, וועלכער
טוישט נישט אויס די יוצרות צווישן ווונטש=פֿאָרשטעלונג
און באַדינגטהאַפֿטער ווירקלעכקייט. עס איז קלאָר פֿאַר
יעדן, וואָס איז בכוח צו באַהערשן זיינע פּערזענלעכע ניי=
גונגען און קוקט אָביעקטיוו אויפֿן היסטאָרישן פֿאַקט נישט
בלויז אַזוי ווי ער איז אַלס עצם אין דער קעגנוואָרט, נאָר
אויך ווי ער שיינט=אויס צו זיין אַלס עצם אין דער היס=
טאָרישער פּערספּעקטיוו. פֿאַר דערדאָזיקער איינציק־מעג־
לעכער און איינציק=ווערטפֿולער עקזיסטענץ־פֿאָרם אונזע=
רער, פֿאַרן סאָציאַליזם, מוזן מיר זאַמלען אונזערע רייען.
און מיר מוזן גרייט זיין און זיך צוגרייטן צום סאָציאַליזם
אויף אַלע פֿלאַכן פֿון אונזער לעבן. צו אים רופֿט אונז
אונזער היסטאָרישער גורל. פֿאַר אונז איז נישט פֿאַרבליבן
קיין אַנדערער וועג.

דאָס איז דער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו פון דער געשיכטע אינם געוויסן פונם יידישן פאָלק, דער שטערן אינם הימל פון דער יידישער נאַציע. דער קאָלעקטיווער יידישער סאָציאַליזם, דער „בונד", אָריענטירט זיך קאָנסעקווענט אויף דער ליניע פון אָט־אָ דער יידישער היסטאָרישער טאַט. אין איר היסטאָרישער לאָגיק איז די יידיש־סאָציאַליסטישע טאַט אַ העראָאישע. זי געהער צו אידעאַליסטישער אָפּפערוויליקייט. און זי פאַרלאַנגט קרבנות. יעדע טאַט, וואָס איז קאָנסטרוירט אויף דער דימענסיע פון דורות, איז העראָאיש. און יעדער העראָאיזם פאַרלאַנגט קרבנות. אינם העראָאיזם ברייטערט דער אינדיווידועלער מענטש אויס די ענגע גרענעצן פון זיין איך, צו די גרענעצן פון דער געמיינשאַפט: ער זוכט־אויס די סינטעזע צווישן זיין פערזענלעכקייט און דעם היסטאָרישן מענטשלעכן מין. סינטעזע צווישן צייט און איבערצייטלעכקייט. העראָאיזם — איז דאָס געפינען דעם פערזענלעכן תיקון אין דער וויטערער אַנטוויקלונג פון דער וועלט, אַפילו אויפן חשבון פון דער צייטלעכער פערזענלעכער עקזיסטענץ.

דער וועג פון דעמדאָזיקן קאָלעקטיוון העראָאיזם, שטימט פולשטענדיק מיט דער לעבנס־ליניע פון דער יידישער נאַציע. דאַ זאַמלט דער יידישער סאָציאַליזם צוזאַמען די יידישע מאַסן. איך זאָג מאַסן — ווייל דער העראָאישער ווילן איז שוין ביי אונז יידן צייטיק־געוואָרן צו דער העראָאישער טאַט, און נאָר די מאַסן טוען די קאָלעקטיווע אחריות־טאַט פון דער היסטאָריע. עס איז ווייניק, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געגעבן דעם סאָציאַליזם איינצעלנע גרויסע פערזענלעכקייטן. די גרויסע יידישע פערזענלעכ־

קייטן, וואָס האָבן זיך קונה־שם־געווען אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, צי גאָר הערא̇יש זיך מקריב־געווען פאַר איר — זיי זענען געווען בלויז די אָנזאָגער. די אויפדעקער פון די האָריזאָנטן אויף דעם אייביק פאָרויס־זיך־באַוועגנדיקן מענטשלעכן לעבן. די פאָרגייער פון דער אַנטוויקלונג. די פאָרויסזעער פונם היסטאָרישן וועג. הגם עס איז שווער אָפּצוטיילן די גרענעצן צווישן פערזענלעכקייט און קאָלעקטיוו. די פערזענלעכקייט איז נישט מחוץ דער וועלט, ד. ה., מחוץ דער געמיינשאַפט. אַפילו די אייגנאַרטיקסטע פערזענלעכקייט איז נאָר אייגנאַרטיק אין דעם אופן פון איר וועלט־געפיל, און וועלט־געפיל איז געמיינשאַפטס־געפיל. די פערזענלעכקייט איז נאָר די פאַרביקסטע און אייגנאַרטיקסטע בלום, וואָס האָט זיך באַזונדערס וווּנדערלעך פאַנאַנדערגעבליט אויפן וועלט־געפיל פון דעם קאָלעקטיווען מענטשלעכן מין. אויף וויפל דער קאָלעקטיוו באַשטעטיקט שפּעטער מיט זיין היסטאָרישן וועג די פאָרויספילונגען פון דער גרויסער פערזענלעכקייט — אויף אַזוי פיל ווייזט זיך אַרויס די ווירקלעכע גרייס פון דער פערזענלעכקייט. די היסטאָרישע לעבנס־ליניע פון דער יידישער געמיינשאַפט קאָן אויך נישט פאַרבלייבן אינם שטח פון דער איינצעלער יידישער פערזענלעכקייט. מיט דער היסטאָרישער טאַט פאַרווירקלעכט די געמיינשאַפט דאָס היסטאָרישע וואָרט פון דער פערזענלעכקייט.

די פערזענלעכקייטן טראַכטן די געשיכטע –

און די מאַסן – מאַכן די געשיכטע.

די היסטאָרישע מיסיע, פאַרדאָן, די לעבנס־ליניע פון

דער יידישער געשיכטע, ווארט אויף דער טאט פון די יידי־
שע מאסן.

צו דערדאזיקער טאט גרייט זיי צו דער קאלעקטיווער
יידישער סאציאליזם, דער „בונד”.

XV

אין אנהייב פון „בונד" איז געווען אַ העלדיש לעקערט.

אויב נישט העכער –

היינט איז דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־קלאַס אַ

קאָלעקטיווער העלדיש לעקערט.

נישט בלויז דער העלד גייט פאַרויס —

אין שווערן מיזאַמען קאַמף מאַרשירן היינט די אומ־

באַקאַנטע פעלד־גרויע זעלנער פון דער געשיכטע.

XVI

דאָס יידישע פאָלק אויפן וועג צום סאָציאַליזם? —
דאָ פרעגט ווייטער דער סקעפּטיקער:

סאָציאַליזם איז וועלט־געמיינשאַפט. איר קאָנט נישט מאַכן דעם סאָציאַליזם אָן דער מיט־טאָט פון דער וועלט. אויב אַזוי — ווער וועט מיט אייך מיט־גיין צו דערדאָזיקער וועלט־געמיינשאַפט? ווער וועט מיט אייך מיט־טוען די סאָציאַליסטישע טאַט? קוקט, אַלע פאַרלאָזן אייך. די סאָציאַליסטישע מחנות פון די נישט־יידן ווערן שיטערער און שיטערער. די פּראָלעטאַרישע אַוואַנגאַרדן אין גאָר דער גרויסער וועלט לאָקערן זיך. דער פאַשיזם און די רעאַקציע מאַכן חורבות אַפילו אין די סאָציאַליסטישע רייען. און איר, יידישע סאָציאַליסטן, גייט אָנהענגען דעם גורל פון יידן אָן דעם סאָציאַליזם? וואָהין פירט איר? זענט איר נישט בלינד פאַר די אָפּגרונטן, וואָס עפענען זיך פאַר אייך? זענט איר נישט טויב פאַר די שטורעמס, וואָס קומען־אָן, אייך צו פאַרניכטן?

זעט איר נישט די געפערלעכע אויסזיכטלאָזיקייט, צו וועלכער איר רופט די יידישע מאַסן?

אונזער ענטפער:

ווי פינצטער עס זאָל נישט זיין די תקופה,—דאָס ייִדי־
שע פאָלק וועט אָפּהיטן די וועלט־ליבשאַפט, דעם סאָציאַ־
ליזם, פאַר דער מענטשהייט —

דאָס איז אונזער לעבנס־אופן,
אונזער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער,
אונזער נאַציאָנאַלער שיקזאַל —
און אונזער נאַציאָנאַלער כבוד.

וואַרשע, פעברואַר 1939.

ווערק פון י. י. טרונק:

פון דער נאַטור, נאָוועלן.

פייגנביימער, און אַנדערע דערציילונגען.

מידע, נאָוועלן.

אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער ייד. ליטעראַטור,
טענדענצן און וועגן פון אונזערע מאָדערנע שריפטשטעלער.

צווישן ווילן און אָנמעכטיקייט (ה. ד. נאָמבערג),
פרווון פון אַנאַליז און כאַראַקטעריסטיק.

יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים,
און אַנדערע היסטאָרישע נאָוועלן.

יידישע קולטור-פראַגן און דער סאָציאַליזם,
(Pro domo nostra).

נאָענט און פרעמד, עסייען.

שלום-עליכם (זיין וועזן און זיינע ווערק).

וועלט-חשבון, פראָזע און לידער וועגן דער וועלט.

אינגיכן דערשיינט

י. י. טרונק

„טביה דער מילכיקער"

(שיקזאַל און בטחון)